# מיידלעך, פרויען, ווייבער און... נבואה

קאַדיע מאָלאָדאָווסקאַ/וואַרשע

אַז מלך ראַוויטש בעט זיך יאָ אַזוי ביי דעם כלל יידישע דיכטערינס („ליט. בלעטער“ נומ. 21), מ'זאָל אים למען-השם און למען-העסיק ענטפערן, און כאָטש אויף זיין אַרטיקל איז נישט פאַראַן וואָס, דאָך וואָס טוט מען נישט למען-השם און למען-העסיק.

און, אַגב, לאָזט זיך נאָך צו זיין אַרטיקל צוגעבן די פאַראַפראַזע, אַז שרייבן שלעכטע לידער אָדער גרויסע חערק האָט יעדער די פולע רעכט, נישט בלויז דיכטערינס, ווי מ. ראַוויטש מיינט, נאָר אַפילו דיכטער אויך, ווי מ. ראַוויטש מיינט נישט.

איך קען אָפּשאַצן חבר מלך ראַוויטשעס גרויסמוט, וואָס ער דערמאָנט נישט קיין נעמען. ס'איז אין דער אמתן אַ פּריוואַט-זאַך, איך וואָלט אויך אַזוי געטון, נאָר צו וואָס טויג עפּעס פּריוואַט-זאַכן באַקאַנט צו מאַכן פאַרן עולם? ס'גייט מן הסתם אין פעסטן פאַרויכערן זיך אין נאָענטן דור אַריין, אַז קיין יידישע דיכטערין לא רק וואָס זי איז נאָך נישטאָ, נאָר זי וועט נישט זיין!

פאַרוואָס עפּעס ניין?

פשוט, ווייל מ. ראַוויטש וויל נישט. און פאַרזיכערט האָט ער זיך אויף גאַנצע ניין מאָל ניין.

אַ מענטש אָבער טאָר זיך אויף אַזוי לאַנג נישט פאַרנעמען און איבערהויפּט — נאָך אַ דיכטער, וואָס על פּי כל חוקי הדיכטונג טאָר ער אין נבואה זיך נישט טועה זיין, ווייל אויב נישט אַ נביא, ווערט ער עפּעס אַנדערש...

נאָך ווייניקער ווי מיט ניין מאָל ניין חדשים צוריק האָט מיר ח' מ. ראַוויטש געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט צונויפשטעלן אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישע דיכטערינס, אַ נ אָ מ ע נ ט ל ע כ ע, פאַרשטייט זיך, נישט קיין אַנאָנימע. און מיט בילדער! כ'בין זיכער, אַז ביי אַ גוט-שלעכטער רעדאַקציע וואָלט עס געקענט אַרויסקומען אַ פּיקאַנט בוך. בין איך פון דעם פּלאַן גראָד נישט אַנטציקט געוואָרן, דערפאַר אָבער קען מען אַנטציקט ווערן פון ראַוויטשעס קאָלעקטיווע רעצענזיע איבער אומבאַשטימטע ביכער, פון אומבאַשטימטע דיכטערינס, פון יענע אַפילו, וואָס זענען נאָך נישט געבוירן געוואָרן.

אָפּנים, אַז אַזאַ שוואַכקייט צו פּאָליגאַמיע און צו קאָלעקטיוויזירן די דיכטערינס האָט שוין מלך ראַוויטש פון לאַנג; ס'האָט זיך מער נישט געהאַנדלט צי אין אַן אַנטאָלאָגיע, צי אין אַ קאָלעקטיווע רעצענזיע.

און אפשר, ווען ס'וואָלט געווען צושטאַנדגעקומען די יעניקע ראַוויטש-אַנטאָלאָגיע, וואָלט דאָס אפשר פאַרשטענדלעכער געמאַכט די איצטיקע ראַוויטש-רעצענזיע. ערשטנס, וואָלט מען וויסן איבער וועמען, און דער עיקר — איבער וואָס. און אַזוי — בלייבן דאָך איבער בלויז כוונות, גאַנץ אַנאָנימע כוונות..

וואָרום סוף כל סוף אַ רעצענזיע וועגן איידעלע ביכלעך אויף ווייס צאַרט פּאַפּיר (אָ! „ווייס צאַרט פּאַפּיר“! ס'איז נישט אַנדערש אַ צאַרטער אויסדרוק פון אַן איידל-צאַרטער דיכטערין), וואָס ליגן ביי אייך אויפן טיש און וואָס איר נאָר אַליין האָט עס געזען, און געלייענט און רעצענזירט, איז פאַר קיינעם נישט פאַרשטענדלעך און גאָרנישט אינטערעסאַנט. נאָר ווי קען דאָס עפּעס אַ מענטש זיין אַזאַ אַכזר! אָט, למשל, וואָלט איך זיך געטרייסט, וואָס מיין ביכל איז נאָך ל"ת עתה ביי אייך אויפן טיש נישטאָ. פאַרזיכערט איר אָבער, אַז אַפילו די יעניקע, וואָס זענען נאָך נישט דערשינען, און די, וואָס וועלן ערשיינען אין זיבן יאָר אַרום, וועלן אויך נישט טויגן. גאָט! ווי קען אַ מענטש אַזוי שלעכט זיין. נאָר, אַז ס'גייט אין נבואה איז דאָך עפּעס אַנדערש..

אויסגעהאַלטנקייט וואָלט געווען אַ מיאוסער פעלער פאַרן חבר מלך ראַוויטש, איז ער אָבער טאַקע נישט אויסגעהאַלטן, און שווערנדיק זיך, נישט צו פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די אומגליקלעכע, אָפּגעהרגעטע דיכטערינס—קען ער זיך דאָך נישט איינהאַלטן און איז מפרסם איינע אַ גאַליציאַנערין. מאַלע וואָס עס קאָן זיך מאַכן אין גאַליציע.

און באמת צו וואָס גייט עס אין לעבן ראַוויטשן אַ דיכטערין, פאַר וועלכע „אַלע זאָלן קניען“. איך לייקן נישט, אַז קניען איז זייער עלעגאַנט, אמת מען איז ווערביי אַביסל משיג-גבול די ריטערלעכע שפּאַנישע דאָן קישאָטן פון פאַר ניין מאָל ניין הונדערט יאָר צוריק,—דערפאַר אָבער איז עס זייער איידל און איבערהויפּט—איראָפּעיִש-עלעגאַנט.

אין איין זאַך בין איך דאָך מיט ראַוויטשן איינשטימיק, אַז אויב עס ווערט נמאס אַ זאַך, מעג עס זיין צניעות ביי דיכטערינס, איז עס טאַקע זייער שווער צו פאַרטראָגן. און איך פיל אים מיט.

---

(סוף פון זייט 418)

יוסף רובינשטיין

## וואַרשע

(פּונם ציקל „וואַרשע, 1926“)

עס איז אַ מאָרנע נאַכט געחען, פון נישט געצײַדנע לאַמטערנס,
פון בלינד צעשראָקענע וויטרינעס מיט אָונט-קרעפּ פאַרקלעפּט.
און איך געלעגן בין און האָב געציילט די שטערן
אויף דעם דריי-קרייצן פּלאַץ פ'די שמאָלע קלויסטער-טרעפּ.

איז גוט געווען זיך אומגעריכט אין שפּעטקייט צו דערמאָנען
אין יענער נאַכט פון האָפענונג און פלאַטערדיקן טרוים,
אַז איבער דיינע נאַכט-באַפרעמטע דעכלעך און באַלקאָנען
איז דאָך אַ בלויער הימל דאָ, אַ מילד צעשטראַלטער רוים.

און כאָטש עס האָבן אַלץ נאָך אַזוי אומהיימלעך און הילכיק
די ביקסן-קוילן הייזעריק געשייערט טעמפּ די ווענט,
נאָר איבער מיר געלעגן איז אַ שמייכלענדיקער מילכוועג
און מילדן שיין געטריפט אויף מיינע מידע בלייכע הענט.

איז גוט געווען צו חלומען ביים קילן שיין פון שטערן
אין שאָטן פון אוויאזדאָוו, ווו צעשמעקט האָט זיך דער בעז,
אַז ס'וועלן זיך נאָך יום טובדיק צעפינקלען די לאַמטערנס,
ווי'ן הארץ ביי אונז די האָפענונג אין שעה פון העלן נס.

---

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע
דוד האָפשטיין
ב י י ו ו ע ג ן
לידער
4 גילדן
„Bicher“ Warszawa, Nalewki 2a :אדרעס